# THE SHEPHERD OF ISRAEL

**ENGLISH DEPARTMENT**

VOL. VII. No. 9. | 50 CENTS A YEAR | MAY, 1926


## THEN I'LL BE HAPPY

With Apologies to Mr. Bialik, Jewish Poet

I am a Jew. To me were given the oracles of God. To my forefathers, God talked in person, face to face.

I build the world's commerce; I have written some of the world's finest literature; I have studied the stars and given to the world some of the greatest astronomical discoveries. I have also delved into the deep treasuries of science, and some of the greatest scientific achievements of the age owe their origin to my brain.

I also have money—sometimes. I build me marble palaces in which to house those dependent upon me. I roam the world across the seven seas to find me pleasure and enjoyment of life.

I write poetry; I have interpreted for the world some of the deepest emotions of the human soul, in lines of rhythm that shall be immortal. I have plumbed the depth of human woe and misery, and I have scaled the heights of human joys, and both have received at my pen a facility of expression and interpretation so that my lines have been read and sung the world round.

**But, I am not happy.**

Sometimes I go to my synagogue and sit there all day and I plead with God for forgiveness for my soul, but I come out just as I came in, no forgiveness, no peace.

I give of my goods in generous abundance to the poor, no beggar ever turns away from my door empty handed.

**But, I am not happy.**

I try to drown my weary and burdened soul, and I go to all the theatres and the moving picture shows and the dances; and while I am trying to get the full measure of enjoyment out of these things, my mind becomes drunk for the moment and I forget my worries. But only for the moment. After the dance is over, after the curtain is rung down, after the moving picture is finished, the joy suddenly leaves me again and I find myself in blackness of despair, just as I was before.

**And I am not happy.**

I try to write music, but somehow every time I put my pen to the paper it just naturally slips into the minor chords, and my music becomes a plaintive wail instead of a joyous triumphant outburst of a hallelujah chorus. I build me a house, but I leave one corner unfinished, for it must remind me continuously that I am still an exile from the home which God gave me.

**And I am not happy.**

I used to hate and despise certain people who called themselves Jewish missionaries. But one day I heard one of them talking in the street; and I stopped and listened. And I heard him say that we Jews will never be happy until we accept the Lord Jesus Christ as our Saviour and our long promised Messiah. And this missionary read me from my own Bible, Lev. 26:36-39:

> "And upon them that are left alive of you I will send a faintness into their hearts in the lands of their enemies; and the sound of a shaken leaf shall chase them; and they shall flee, as a fleeing from a sword; and they shall fall when none pursueth.
>
> "And they shall fall upon one another, as it were before a sword, when none pursueth; and ye shall have no power to stand before your enemies.
>
> "And ye shall perish among the heathen, and the land of your enemies shall eat you up.
>
> "And they that are left of you shall pine away in their iniquity in your enemies' lands; and also in the iniquities of their fathers shall they pine away with them."

And the missionary also read to me from the same chapter the 40th to the 42nd verses:

> "If they shall confess their iniquity, and the iniquity of their fathers, with their trespass which they trespassed against me, and that also they have walked contrary unto me;
>
> "And that also I have walked contrary unto them, and have brought them into the land of their enemies; if then their uncircumcised hearts be humbled, and they then accept of the punishment of their iniquity:
>
> "Then will I remember my covenant with Jacob, and also my covenant with Isaac, and also my covenant with Abraham will I remember; and I will remember the land."

And the missionary showed me how nearly two thousand years ago the Lord Jesus Christ said to my forefathers, in Matt. 23:37-39:

> "O Jerusalem, Jerusalem, thou that killest the prophets, and stonest them which are sent unto thee, how often would I have gathered thy children together, even as a hen gathereth her chickens under her wings, and ye would not!
>
> "Behold, your house is left unto you desolate.
>
> "For I say unto you, Ye shall not see me henceforth, till ye shall say, Blessed is he that cometh in the name of the Lord."

And I have been thinking very deeply, more deeply than I have ever thought in my life before.

I think I will come to my senses and I will go before God and confess to him that I have sinned and that my forefathers have sinned and that my trouble is that when I ask God to forgive me my sins I am praying to a heaven of brass; that if I am to reach God's ear, I must pray to Him thru His only begotten Son, the Lord Jesus Christ, who died for my sins and thru Him alone I can receive forgiveness for my sins.

I will accept the Lord Jesus Christ for my Saviour and trust Him for the salvation of my soul throughout all eternity. And I will have a truly joyous Passover for then indeed He will have become my Passover Lamb and my sins will have been laid upon Him forever and ever.

**Then I'll be happy.**

**$100.00 REWARD**

**to any Jew who will prove from the Bible that KADDISH, (prayer repeated in the Synagogue for dead parents) is binding upon children and saves the parents from hell.**



## בית שר שלום

**קאר. טרופ עוו. און וואלטאן סטריט. ברוקלין נ. י.**

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

**פרייטאג נאכט** 8 אוהר ........ פיר מענער און **פרויען**

**זאנטאג נאכט** 8 אוהר ......... פיר מענער און **פרויען**

### פארלאנגט אונזערע טראקטאטען:

1. קול קורא
2. מה שמו ומה שם בנו.
3. קין און הבל.
4. הנה העלמה . . .
5. לשני בתי ישראל.
6. דער וכוח.
7. דאס רעטעניש.
8. די דריי איינינקייט.
9. דער טריאומף.

זיי זיינען זעהר באלעהרזאם און אינטערעסאנט פאר יעדען וואס וויל קומען צום ריינעם אמת פון ישוע המשיח.


**40 Cents WORTH FOR 25 Cents**

**Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English. Should our supply be gone however, we reserve the right to return your money:**

**Address: The Shepherd of Israel**

**27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**



**Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

תורה און זיינען אויפגעוואקסען ביראת ד׳ אין דער אמונה בישוע המשיח.

אידען דארפען דאס גוט צו הערצען נעמען און באשליסען אויף וועלכער זייט צו שטעהן אדער מיט די קאטאליקען אדער מיט... יא, מיט גאט זעלבסט וועלכער האט אונז אהינגעוויזען צום הייליגען משיח און אנגעזאגט: „זה בני ידידי בו רצתה נפשי אליו תשמעון". מתתיהו 17.

## גרויסע אידען

דיעזעם בילד שטעלט פאר דעם גרויסען איד, רעוו. אברהם שעהנבערגער פון לאנדאן, ענגלאנד.

מר. שעהנבערגער איז אויפגעצויגען געווארען ביי זעהר פרומע ארטאדאקסישע עלטערן אין מור, אונגארן. זיינע עלטערן האבען געהאט 10 קינדער. און פונקט ווי גאט האט אויסגעקליבען אברהם אבינו, איינעם פון דער גאנצער מענשליכער משפחה, און איהם געזאגט: „לך לך מארצך... ומבית אביך אל הארץ אשר אראך ואעשך לגוי גדול... והיה ברכה", אזוי האט גאט ב"ה אויך דעם מאדערנעם אברהם'ן ארויסגערופען, איינעם פון זיין גאנצער משפחה פון 10 קינדער, אז ער זאל געהן אין גאטס שליחות און ברייננגען די בשורה טובה אין ישוע המשיח צו די צאן אבדות מבית שראל, און אזוי ווי מיר וועלען שפעטער זעהן, האט גאט אויך איהם געבענשט אין זיין שליחות, אזוי ווי ער האט געבענשט אברהם אבינו.

זייענדיג א שטודענט אין דער בודאפעסטער הויך-שוהל, האט אונזער אברהם בעקאנטשאפט געשלאסען מיט א קריסטליכען שטודענט, און ביידע זיינען מיט דער צייט איינס צו ס'אנדערע אזוי צוגעבונדען געווארען, פשוט ווי ברידער.

ויהי היום, דעם קריסטליכען שטודענט'ס פאטער איז קראנק געווארען און אברהם שעהנבערגער איז איהם געגאנגען מבקר חולה זיין.

אזוי זיצענדיג ביים בעט נעבען א טיש אויף וועלכען א ביבעל (דאס תנ"ך צוזאמענגעבונדען מיט דעם נייעם טעסטאמענט) איז געלעגען, האט דער קראנקער איהם געבעטען עפעס פון דער ביבעל פארצולעזען. מהיכא תיתי... אז א קראנקער בעט, פארוואס ניט? און ער האט אונבעוואוסטזיניג די ביבעל אויפגעעפענט גראדע צו דעם נייעם טעסטאמענט וועלכעס ער האט איצט צום ערשטען מאל פאר זיינע אויגען געזעהן און צום ערשטען מאל געלעזען פון דעם משיח ישראל, וועלכעס איז ביי איהם להלוטין ניי געווען. דארט האט ער עפעס דערזעהן א ניי לעבען. א לעבען פון פרידען, פון אלגעמיינע ליעבע אין משיח, וואס מיינט קיינע פאגראמען און קיינע עלילות דמים. קיין שנאה צווישען איד און גוי און קיין ברודער-האס צווישען איד און איד. דער יונגערמאן האט פשוט דערזעהן אין דער אמונה פון ישוע המשיח א גאולה ופדות פאר דער גאנצער וועלט בכלל און פאר'ן איד בפרט. און אט דאס האט ער דוקא געליעבט מיט זיין גאנצער נשמה.

ער האט דעם קריסט געבעטען ער זאל איהם אויסבארגען דאס טייערע בוך ער זאל עס גוט דורכשטודירען און נאך מעהר אוצרות דרין געפינען. יא, דאס בוך (ספר הספרים) האט איבער



רעוו. אברהם שעהנבערגער זצ"ל

איהם א געוואלטיגען רושם געמאכט. זעהענדיג ווי וואונדערבאר א ל ע נביאות פון דעם אלטען טעסטאמענט (תנ"ך) אויף דעם משיח זיינען פאלקאם ערפילט געווארען אין דער פערזאן ישוע המשיח האט ער ערשט פערשטאנען וואס עס מיינט: „ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה" און האט אויך געגלויבט דרין.

מר. שעהנבערגער האט דעם גרויסען סוד ניט לאנג געקענט בעהאלטען פון זיינע עלטערן און ברידער. ער האט געמיינט אז זיי וועלען אויך אזא גרויסע שמחה האבען צו וויסען פון דעם משיח ישראל אזוי ווי ער האט געהאט, האט ער דארום ניט געזשאלעוועט און האט עס אויך זיי דערצעהלט. זיינען אבער צווישען די טייערע ברידערלאך אויך געווען א פאר „סטרא אחרא'ניקעס", וועלכע האבען איהם נור געוואלט עוקר מן השורש זיין דערפאר. איינער האט איהם פערשפראכען צו דערשיסען, אן אנדערער — צו דערשטעכען, ער אבער, שוין א גלויביגער אין משיח, האט זיי צו פארשטעהן געגעבען אז אפילו ווען זיי וועלען איהם שיסען און שטעכען, אבער דעם גלויבען אין ישוע המשיח וואס האט איהם אזא גרויס גליק און צופרידענהייט געבראכט קענען זיי קיינמאל ניט דערשיסען אדער דערשטעכען. דער ג ל ו י ב ע ן איז שוין פערבליבען אין זיין הארץ לנצח נצחים.

וואס מעהר זיין פאמיליע האט איהם דערפאר נע'רודפ'ט, מעהר האט ער זיך צו זיין קריסטליכען חבר'ס פאמיליע דערנעהנטערט, ער איז דארט געווארען אן אמת'דינער בן בית און האט דארט אויך אמאל געטראפען דעם גרויסען איד, דר. סאפיר, וועמעס בילד און ביאגראפיע מיר האבען געשטעלט אין דעם רעה ישראל פון פעבער 1922, און ס'איז פשוט אונבעשרייבבאר די גרויסע שמחה וואס דיזע צוויי גרויסע אידען האבען געהאט איינס מיט איינאנדער.

דר. סאפיר האט איהם אויך געהאלפען געהן אין קאלעדזש און אין אוניווערזיטעט און ארויס קומענדיג אלס ארדענירטער פאסטאר, האט מען איהם באלד אויפגענומען אלס פרעדיגער אין א בודאפעסטער גרויסע קריסטליכע קהלה וואו ער איז געזעסען בכבוד גדול על התורה ועל העבודה.

זעהענדיג אבער די עולה וואס ער באגעהט נעגען אידען, מיט דעם וואס ער דרש'ענט נאר צו אנדערע דאס הייל פון משיח, און פאר זיין איינען פאלק האט ער גאר ניט צו געבען, האט ער זיך מכח דעם ענין שואל עצה געווען מיט דעם גרויסען אוהב ישראל „פראנץ דעליטש" און האט זיך באלד פון דעם פאסטאראט צוריק געצויגען און איז געווארען מיסיאנאר אין וויען צו זיין איינען פאלק ישראל וועלכעס ער האט איצט פיעל מעהר געליעבט אלס בעפאר ער האט געגלויבט אין משיח. נישט אכטענדיג וואס יענע האבען איהם געהאסט מיט א פערגיפטעטען שנאת חנם, איז ער צו זיי געקומען מיט א ה ב ה, ווייל ישוע המשיח האט אונז אנגעזאגט „אויך אונזערע שונאים צו ליעבען" (מתתיהו ה', 44).

ווער קאן בעשרייבען די גרויסע שמחה וואס אונזער גרויסער איד האט געהאט ניט נור צו זעהן פיעלע אידען קומען צו דעם אמת'דיגען אידישען גלויבען אין משיח, נייערט אויך צוויי פון זיינע איינענע ברידער וואס האבען איהם פריהער געוואלט שיסען און שטעכען צוליעב זיין גלויבען אין ישוע המשיח, יא, אויך ז י י האבען שכל בעקומען און איינגעזעהן פון זיינע דרשות און איבערצייגונגען פון תורה נביאים וכתובים אז ישוע המשיח איז דער פערשפראכענער גואל ומושיע.

שפעטער איז דר. שעהנבערגער אוועק נאך לאנדאן וואו ער האט צוזאם מיט רעוו. דוד באראן (אן אנדערער גרויסער איד) 25 לאנגע יאהר געדרש'ענט צו די לאנדאנער אידען וועגען דער נחמת ישראל אין משיח. דער שרייבער פון דיזע ליינס האט די עהרע געהאט מיט איהם זיך צו באקענען מיט 24 יאהר צוריק אין לאנדאן, ענגלאנד, און איהם הערען דרש'ענען פון ישעיה נ"ג. אך וואס פאר טייערע פערלען זיינען דאס געווען! ווען ער האט זיין דרשה געענדיגט, האט ער מיט הארץ און נשמה אויסגעשריגען די ווערטער פון ישעיה נ"ג: „מי האמין!?" ווער וויל גלויבען! האבען זיך א סך אידישע הענד אויפגעהויבען מיט גרויסען יראת הכבוד, א צייכען אז זיי גלויבען.

בעיני ראיתי, ווי אידען זיינען צו איהם געקומען ווי צו א רבי'ן מיט כל'ערליי בקשות, און דער גרויסער איד האט קיינעם ניט אוועק געלאזט מיט ליידיגען. יעדען א טובה געטהון. איינעם א טרעהר אבגעווישט, אן אנדערען אויף די פיס געשטעלט. מיט זיין פרעהלאך פנים ביי פיעלע דעם מרה שחורה פארטריבען. הונגעריגע געזעטיגט, דעם עלענדען א היים געגעבען. אט דאס טהוט א גרויסער איד אין הייליגען משיח, ית"ש.

ביי אברהם אבינו הייסט עס: „והיה ברכה", אויך דער מאדערנער אברהם איז געווארען א ברכה צו טויזענדער אידען אין פראג, וויען, בודאפעסט און לאנדאן, ברענגענדיג צו זיי דעם משיח וואס איז א ברכה פאר די מענשהייט.

ערשט א קורצע צייט ווי דער האר ישוע המשיח האט איהם צו זיך אהיים גענומען אין זיין הויכען עלטער פון 80 יאהר. אין איהם איז באמת מקוים געווארען גאט'ס ברכה „אורך ימים אשביעהו ואראהו בישועתי".

יהא זכרונו ברוך.

בער'ס דרשות גלויביג געוואָרען, און זיין שווער, א שוחט, אַן אינטימער פריינד פון דר. קליין האָט געמאַכט א גרויסען רעש און א גוואלד, און ער האָט גע'פועל'ט אַז דר. קליין זאָל רופען זיין איידעם צו זיך כדי ער זאָל איהם צוריק אַרויספיהרען אויפ'ן „דרך הישר". מר. היענד האָט גלייך איינגעווילינגט צו געהן, בזה האופן אַז דער שרייבער זאָל מיט איהם מיטגעהן. קורץ. אין א געוויסען אָווענד האָט דער גרויסער אַרגומענט שטאַטגעפונען אין דר. קליין'ס הויז. (די בעשרייבונג פון יענעם אַרגומענט אין א טראַקט־פאָרם קען יעדער באַקומען אויפ'ן פערלאַנג.)

הרב דר. קליין מיט זיין גאַנצען גאונות און חריפות האָט ניט געקענט מנצח זיין דעם שרייבער'ס בעווייזע פון הייליגען תנ"ך אַז ישוע איז דער משיח. עס איז געווען א דראַמאַטישע באַגעגנונג צווישען אונזביידע נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך זייט יענער רגזה פון דר. קליין ניט מעהר געזעהן. ער האָט געאַרבייט ווי א העלד ער זאָל דעם שרייבער יא מנצח זיין... ער האָט עס אָבער לגמרי ניט געקענט בעווייזען און ער איז שטיל געבליבען פאַר א ווייל. דאַן איז ער אָבער פלוצים אויפגעשטאַנען און מיט אויפרעגונג באַטאָנט:

„מיר אידען דאַרפען נור גוטעס טהון, צי ישעיה הנביא איז גערעכט מיט זיינע משיח'ישע נביאות צי ניט".

זייט דאַמאָלס זיינען אָבער ווידער יאָהרען פאַראיבער, זיין כעס און רגזה איז שוין לאַנג אוועק, אָבער די ווערטער וואָס ער האָט יענעם אָבענד פון שרייבער געהערט האָט ער אפשר קיינמאָל ניט פאַרגעסען, און מעגליך אַז ביי זיך טיעף אין הערצען האָט ער איינגעזעהן דעם אמת. ער האָט מעגליך דאָס ברית חדשה וואו בעקומען און עס דורכשטודירט, און האָט די טהייערע מידה פון עניוות פון ישוע המשיח'ס לעהרע באַהערציגט און פראַקטיצירט אין זיין לעבען. אַנדערש איז זעהר שווער צו פערשטעהן זיין שטעלונג צו כבוד. גלויבינגע אין ישוע המשיח אַנטלויפען פון כבוד.

## אידישע פאַרברעכער — אַ חילול השם

דער שטורם פון פאַרברעכען איז נאָך אימער רוישענד און האַלט נאָך אימער אויסגעשפרייט זיינע שוואַרצע פליגלען איבער ניו יאָרק און אַנדערע גרויסע שטעדט. מענשען זיינען ניט זיכער ניט מיט זייער געלט און ניט מיט זייער לעבען. מ'האָט אימער געהאָפט אַז די פּאָליציי וועט עס קענען אונטערדריקען און אויסראָטען. ווי מיר זעהען אָבער איז די גאַנצע האָפנונג צו־נישט געוואָרען. די באַנדיטען וואַקסען ווי שוועמלעך נאָך א רעגען. זיי שרעקען זיך לחלוטין ניט אפילו פאַר'ן עלעקטריק טשער... מיינסטע פון יענע שוואַרצע חברה זיינען נאָך גאָר יונג, כמעט נאָך אין די קינדער־יאָהרען, און זיי טראָגען זיך שוין אַרום מיט רעוואָלווערס און מאַכען האָלד־אָפּס און שיסען ווען עס מאַכט זיך...

מיר האָבען שוין איינינע מאָל געשריבען אין דיזען בלאַט וועגען דעם ענין און האָבען מעהרערע מאָל דעם ווערטהען לעזער אויפמערקזאַם געמאַכט אַז די אידישע פיהרער מאַכען א הימעל־שרייענדען פעהלער מיט דעם, וואָס זיי האָבען געמאַכט יד־אחת מיט די קאַטהאָליקען אַרויסצואוואַרפען די אונטערריכט פון די ביבעל אין די פּובליק סקולס. ווייל אַט דאָרט איז דאָס פּלאַץ און די צייט — ווען די קינדער זיינען נאָך יונג — אין זיי איינצופלאַנצען די געטליכקייט. אלא טהוט מען דאָס אָבער ניט, איז זייער הערץ פוסט און ווילד און וואַקסען נעביך אויף משחיתים און קאַנדידאַטען פאַר'ן עלעקטריק טשער.

איצט זעהען שוין א סך אידען אַז מיר האָבען רעכט געהאַט מיט אונזער באַהויפטונג און זיי וואָלטען שוין וועלען אַז די ביבעל (דבר ד') זאָל יאָ געלערנט ווערען אין די פּובליק סקולס, ווען זיי וואָלטען נאָר געהאַט די אויטאָריטעט דאַצו.

צווישען די לעצטע רויבער־ און מערדערבאַנדע געפינען זיך ליידער פיעלע אידישע יונגע לייט ווי א גאָלדבערג, א קרעמער א. ד. ג. און אַזעלכע אידישע נעמען ערשיינען אויך אין די ענגלישע צייטונגען אין פאַרבינדונג מיט די רויבער־ און מערדער־באַנדע. די ענגלישע פרעסע האָט דיזע נעמען עמפאַטיש אונטערגעשטראָכען באַטאָנענדיג אַז זיי זיינען „דזשואיש". און אויבשאָן עס מעגען זיין נור א קליינער פּראָצענט „דזשואיש" פאַרברעכער גענגען אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען, זיינען אָבער די „דזשואיש" אַזוי בולט, אַז זיי וואַרפען זיך מעהר אין די אויגען אַלס אַלע אַנדערע. און אַט דאָרט שטעקט נעביך דער גרויסער אידישער אומגליק. די וועלט לעזט די צייטונגען און די אַזוי־אויך שונאי ישראל טייטען מיט די פינגער דוקא אויף די „דזשואיש" פאַרברעכער און שטעלען די אידישע נאַציאָן אין א זעהר דונקעלען שאָטען אין אַלגעמיין.

עס כאַפּט פשוט אָן א ציטער ווען מ'דענקט וואָס ס'וועט זיך אָבטהון מיט אידען אין עטליכע יאָהר אַרום ווען דער יונגער אידישער דור, וועלכער ווערט אויפגעצויגען אָהן תורה און אָהן יראת שמים, ווען דאָס וועט אויפוואַקסען און נעהמען די אויבער־האַנד אין דער געזעלשאַפט. עס וועט פשוט זיין א מין „דור הפלגה". די וועלט וועט פערוואַנדעלט ווערען אין א וואַלד מיט ווילדע חיות. יאָ, נאָך ערגער, ווייל א וואָלף וועט קיינמאָל ניט טשעפּען אַן אַנדערען וואָלף און קיין טיגער אַן אַנדערען טיגער, אָבער דאָס ווילדע אויפוואַקסענדע דור וועט זיך פשוט איינס ס'אַנדערע לעבעדינערהייד אויפעסען. והא ראיה, אין געוויסער מאָסען האָט עס זיך שוין אַזוי אָנגעהויבען...

אידען בויען שוהלען און סענטערס, און דוקא גרויסע סענטערס וואָס קאָסטען אָפּ שווערע הונדערטע טויזענטער דאָלאַרס. מ'מאַכט דאָרט באַנקעטלעך און קערמעשלעך, מ'טאַנצט און מ'קאָנצערטעוועט ביז אין טאָג אַריין, אָבער וועלכע גייסטיגע שפּייז געניסט דאָרט דאָס יונגע דור, אַז מ'זאָל דאָס האַלטען על דרכי התורה והיראה?

עס טהוט זיך אויך אָב מיט דרשנים און רבנים וואָס זיינען איצט דאָ כמעט כחול הים, זיי האַלטען אָפּ אספות און מ'מאַכט תקנות, בכן, ווי גרויס דער חטא איז ווען אין א שוהל זיצען ווייבער מיט מענער צוזאַם, און נאָך א לאַנגער שקלא וטריא זיינען זיי געקומען צום שלום אַז ווען מ'דאַווענט אין אַזא שוהל איז די תפלה א „תועבת ד'". וואָס נאָך טהוען זיי? זיי לויפען אַי נאָך וואַשינגטאָן און אַי נאָך אַלבאַני, זיך זעהן מיט די פּאָליטישענס אום אויסצואווירקען עפּעס נייע געזעצען זאָלען געמאַכט ווערען אין דער הלכות אכילה. אַלץ נור פאַר'ן חומר (גוף) אָבער וואָס פאַר דער נשמה?!

אידען אידען, עס וואָלט שוין צייט געווען צו עפענען די אויגען און זיך אויפכאַפּען פון דעם 2000 יעהריגען שלאָף, און זעהן ווי פאַרפיהרט מ'האָט אונז מיט די מצות אנשים מלמדה איבער וועלכען גאָט ב"ה בעקלאָגט זיך אין ישעיה כ"ט, 13: „ותהי יראתם אתי מצות אנשים מלמדה", מיינענדיג אַז אין רבנישע תקנות, אין דעם תפל, שטעקט דאָס גאַנצע אידישקייט. זעהט איהר דען נאָך ניט אַז דאָס העלפט ווי א טויטען באַנקעס, בפרט פאַר'ן יונגען עלעמענט?! וואָלט דען שוין ניט צייט געווען אַז אידען זאָלען איינזעהן אַז נור אין הייליגען משיח שטעקט די גאַנצע ישועה. און נור אַליין ווען עס וועט מקוים ווערען דאָס וואָס זכריה הנביא זאָגט אין קאַפּ. י"ב: „והביטו אלי את אשר דקרו", ד"ה, אַז אידען וועלען אַרויפבליקען צו דעם וואָס איז צושטאָכען געוואָרען, אַז נור דאַמאָלס וועט די ישועה קומען אויף אידען. דאָס יונגע דור וועט אין זיך איינזאַפּען די לעהרע און דעם גייסט פון משיח און וועלען דאַדורך זיין בני אל חי, און זיין א ברכה צו דער וועלט אָבער ניט חלילה אַזוי ווי עס צייגט זיך איצט אַרויס צו זיין.

דאָס אַלעס וואָלט געקאָנט זעהר לייכט זיין ווען מ'זאָל מיט דער יוגענד לערנען גאָט'ס תורה, דאָס אַלטע טעסטאַמענט (תנ"ך) און דאָס ברית חדשה, אין די שוהלען, אין די סענטערס, ווי אויך אין די פּאַבליק סקולס, דאָס וועט אונגעהויער ווירקען אויף דעם יונגען עלעמענט בפרט, זיך צו האַלטען אויפ'ן דרך הישר, און זיין א כבוד פאַר אידען.

קענען דאָס אָבער ניט, און ווילען דאָס ניט די רבנים טהון, געוואַלד לאָזט דאָס אונז טהון בתכלית השלימות און זאָל ישראל האָבען א תשועת עולמים און זיין א כבוד צווישען די פעלקער!

אין דער הינזיכט האָבען מיר אידען א סך צו לערנען פון די גוטע נאָבעלע קריסטען (ניט די גוים). זיי, די קריסטען, ביי וועלכע עס שפּיגעלט זיך אָפּ די סאַמע גוטסקייט און די געטליכקייט, זיי סטאַרען זיך מיט זייערע קינדער צו לערנען גאָט'ס תורה, זיי צו ערציהען ביראת ד', און פרעגט שוין גאָר ניט, זיי זיינען געבענשט ביי גאָט אויף יעדען שריט און טריט.

עס איז אויך פאַראַן א סאָרט קריסטען וואָס זיינען ליידער נור נאָמענטליכע קריסטען, מיר מיינען דערמיט די קאַטאָליקען, מיט וועלכע אידען האָבען געמאַכט יד אחת אַרויסצואוואַרפען די אונטעריכט פון דער ביבעל אין די פּובליק סקולס. יענע טהוען אויך נור דאָס וואָס זייער גלח הייסט זיי, ווייל זיי לערנען נישט דאָס תנ"ך, פּונקט אַזוי ווי להבדיל אידען טהוען נור דאָס וואָס די רבנים הייסען און נישט דאָס וואָס דער דבר ד' הייסט. און אַט פון די ביידע, אידען און קאַטאָליקען, קומען דאָס ליידער אַרויס די אומגליקליכע עפּיזאָדען וואָס שפּיגלען זיך אַזוי טרויעריג אָב צווישען די גרויע ווענט אַרום דעם עלעקטריק טשער, ר"ל, איינעם בעגלייט א רב, און דעם אַנדערען א קאַטוילישער גלח, אָבער קיין איינער פון יענע קומט ניט אַרויס פון די אמת'דיגע קריסטען וואָס לערנען גאָט'ס

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10 - 11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. VII. No. 9. 50 CENTS A YEAR MAY, 1926


## הרב דר. קליין ז"ל

אין דיעזען חשוב'ן רב'ס לעבען וועלכער איז ניט לאנג צוריק נפטר געווארען איז געוועזען א זאנדערבארער כאראקטעריסטיק וואס מיר קענען ניט גלייכגילטיג דורכלאזען און פערשווייגען. עס איז ניט זיין גרויס בקיאות און חריפות אין ש"ס און פוסקים, אויך ניט זיין פריינדליכקייט צו יעדען מענש, און אויך ניט זיין עהרליך פרומקייט. ניין, ניט דאס מיינען מיר דא צו בעוואונדערען, נייערט זיין גרויס עניוות וועלכע האט זיך אזוי בולט ארויסגעצייגט בעפאר זיין פטירה מאכענדיג זיין צוואה.

דער ווירדיגער רב האט נעמליך פערלאנגט אז מ'זאל ביי זיין לויה ניט מאכען קיין שום העויות, מ'זאל זיין קערפער ניט אריינטראגען אין שוהל, קיינע הספדים איבער איהם ניט מאכען און קיינע מאנומענטען איבער איהם ניט אויפשטעלען, נייערט אז קהל וויל, זאל מען צו זיין אנדענקען אויפריכטען א תלמוד תורה.

אט־א־דאס האט צוגעצויגען אונזער אויפמערקזאמקייט און פעראורזאכט אונז זיך צו פערטיפען אין דעם כאראקטער פון דעם פערשטארבענעם רב המכונה דר. קליין.

עס איז כמעט נאך ניט געהערט געווארען אז א רב זאל אזוי עניוות'דיג האנדלען. מ'האט דאך עפעס מתקן געווען נאך משנים קדמוניות אן, אז א תלמיד חכם דארף מען עהרען און שעצען, אי ביים לעבען און אי שפעטער. מיר געדענקען נאך גוט וואס פאר א לויה דער רב הכולל ר' יעקב יוסף האט געהאט אין ניו יארק און דעסגלייכען אנדערע רבנים. נו קומט עס אלזא, אז דיעזער חשוב'ער רב וועלכער איז אויך געווען א רב הכולל, ניט נור אין ניו יארק נייערט איבער אלע אונגארישע קהלות אין אמעריקא און קענעדע, ווי קומט דאס, פרעגען מיר, אז אזא רב זאל זיך אזוי עניוות'דיג האלטען און איבערלאזען אזא צוואה?

ווי מיר האבען דריבער אזוי נאכגעדענקט זיינען מיר געקומען צו דעם פאלגענדען געדאנק, נעמליך:

הרב דר. קליין אלס אן עהרליכער איד און א גרויסער בן תורה האט געמוזט קומען צו דער איבערצייגונג אז ישוע המשיח איז דער אמת'ער גואל צדק און אז זיינע ווערטער זיינען ווערטה אויפגענומען צו ווערען און פראקטיצירען.

איינס פון די הויפט פונקטען פון ישוע המשיח'ס לעהרע איז, צו זיין אן „עניו", אזוי ווי מיר געפינען אין מתתיהו י"ח: „ישוע המשיח'ס תלמידים האבען געוואלט וויסען ווער עס וועט זיין דער גרעסטער אין מלכות השמים? האט ישוע אהער גענומען א קינד און עס געשטעלט צווישען זיי און אהין ווייזענדיג אויפ'ן קינד האט ער זיי געזאגט: ווען איהר וועט ניט ווערען קליין, נידריג, עניוות'דיג אזוי ווי דאס קינד וועט איהר קיינמאל ניט אריינקומען אין מלכות השמים." דענקען מיר, אז דער באטרעפענדער רב האט דאס אודאי געזעהן און געגליכען, און האט דאס אין זיין לעבען אינקארפארירט און איינפערלייבט.

דער ווערטהער לעזער וועט אבער אפשר פרעגען, וואס פאר א רעכט האבען מיר אזוי צו דענקען? ווען מיר די זאכע נאך קלאהרער מאכען:

ווען דער שרייבער פון דיעזען ארטיקעל איז געקומען נאך אמעריקא איז ער געקומען מיט א רעקאמענדאציע פון דר. שניצער, רב אין אונגארן, דירעקט צו דר. קליין, רב אין ניו יארק. זייט דאמאלס פלעגען מיר זיך טאג טעגליך זעהן, פיהרען פלפולים אין פערשידענע סוגיות. בין כך ובין כך האט דר. קליין געזוכט א כסא רבנות פאר'ן שרייבער.

אמאל האט פאסירט אז דער שרייבער האט וואו בעקומען א ברית חדשה, א לשון־קודש ספר'ל, האט ער דאס ווי געוועהנליך געלעזען און ווייל ער האט דרין געזעהן עפעס אזעלכע גרויסע סודות ווי ער האט אמאל אין דער היים געלעזען אין הייליגען זוהר, האט ער זיך דרין פערטיעפט און אין 14 שטונדען עס גענצליך דורכגעלערענט.

דא מוז מען באמערקען אז דער שרייבער האט צופאר קיינמאל ניט געוואוסט פון ישוע המשיח און זיך קיינמאל ניט אינטערעסירט אין דעם גאנצען ענין.

אזוי דורכלעזענדיג צום ערשטען מאל דאס ברית החדשה האט עס איבערן שרייבער א געוואלטיגען איינדרוק געמאכט און האט זיך דערמיט אזוי שטארק געפרייהט ווי ער וואלט געפונען אן אוצר... עפעס א קלייניגקייט?! יאהרען־לאנג געזעסען און אפגעריכט חצות... געוויינט אויפ'ן חורבן. געוויינט און מתפלל געווען אז משיח זאל שוין קומען און אונז ברייגגען די גאולה שלימה... און דא דערזעהט ער נאר אז די גאולה איז שוין דא... דער משיח איז שוין געקומען, נישט בעגרייפענדיג אז דאס איז דער „תלוי".

אין דער גרויסער שמחה איז דער שרייבער מיט'ן ברית חדשה'לע אוועק געלאפען צו זיין איינציגען פריינד דא אין אמעריקא, איהם אויך די שמחה צו ברייגגען אז דער משיח איז שוין געקומען מיט דער גאולה צוזאמען. אזוי באלד דר. קליין האט דאס ספר'ל אויפגעעפענט און דערזעהן וואס פאר א סחורה דאס איז, האט ער דערמיט א זעץ געגעבען צו דער ערד אז ס'איז א רויך געגאנגען. ער האט זיך אויך זעהר געערגערט און געבייזערט אויף זיין פריינד דעם שרייבער און איהם באדעקט מיט זלזולים פון קאפ ביז די פיס... דער כעס איז שרעקליך גרויס געווען.

דאס איז געווען דאס לעצטע מאל אז מיר האבען זיך אין יענער צייט פערזענליך געזעהן.

דעם שרייבער האט דאס, ווי געוועהנליך, שטארק וועה געטהון אז זיין איינציגער און בעסטער פריינד האט איהם אזוי מבייש געווען, מיט אזא רגזה איהם ענטקעגען געקומען. ווען ער, דער שרייבער גופא, האט אויך דאמאלס נאך ניט געוואוסט אז דאס האט צו טהון מיט דער פיעל פערהאסטער פערזאן „יעזוס".

מיט צוויי וואכען שפעטער האט דער רב געשיקט דורך צוויי בעקאנטע לאנדסלייט אן אויפרוף צו דעם שרייבער, אז בכן ער, דר. קליין, האט שוין געפונען א כסא רבנות פאר'ן שרייבער.

ביי דיעזער צייט האט אבער דער שרייבער נאך אמאל איבערגעלעזען דאס ברית חדשה און האט ניט געקוקט וואס א רב ווערט אנגע'רונז'ט דרויף. אן אמת בלייבט אן אמת אונטער אלע אומשטענדען. יא, דער שרייבער האט שוין אנגעהויבען צו גלויבען אז ישוע איז דער אמת'ער משיח און ער האט שוין לחלוטין קיין חשק געהאט צו ווערען א רב אין א שוהל וואו מ'האסט דעם אמת אין דעם משיח.

חדשים זיינען פארביי געגאנגען. דער שרייבער איז צוליעב זיין גלויבען אין משיח שטארק פארפאלגט געווארען און האט געמוזט אוועק נאך שאטלאנד וואו ער האט דורכגעמאכט די קאלעדזש שטודיום און איז דאן צוריק געקומען אלס מיסיאנאר צו פערקינדיגען די בשורה טובה אין ישוע המשיח אין ניו יארק און ברוקלין.

האט אבער פאסירט אז א אידישער יונגערמאן מיט'ן נאמען „היענד" איז דורך דעם שריי־


Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1897.